פולע טאבעלע פון דער מלוכה־לאטעריע — זעה 6־טע זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 8 זייטען

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראָשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 73 | Łódź, Czwartek, 26 marca 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, ח' ניסן תרצ"א | № 73

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224־71


# פיער קינדער געשטארבען

## די מוטער ראנגעלט זיך מיט'ן טויט, דעם פאטער וועט מען אראפנעמען ביידע הענד

## שוידערליכע פאלגען פון אויפרייס ביים יוד דימאנט אין ווארשא

וואַרשאַ, 25 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). מיר האָבען שוין נעכטען מיטגעטיילט וועגען דעם שרעקליכען אויפרייס און שרפה, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער וואוינונג פון דעם יוד דימאַנט אין וואַרשאַ אויף דזשעלנאַ 42, בעת ער האָט אָנגעוואַרימט וואַקס, וועלכע ער האָט בענוצט צו מאַכען שיך־פאַסטאַ. ווי בעקאַנט, האָבען בעת דעם אויפרייס בעקומען שווערע בראַנד־וואונדען דימאַנט, זיין פרוי און 4 קינדער. אַלע זענען אַ חוץ דימאַנטען אָפגעפיהרט געוואָרען אין שפיטאָל. שפיטאָל.

דינסטאָג בייבאַכט זענען אין שפיטאָל אויף טשיסטאַ געשטאָרבען פון די וואונדען דימאַנטס ביידע זיהן, דער 12־יעהריגער יעקב און דער 10־יעהריגער אהרן. מיטוואָך ביי טאָג זענען געשטאָרבען די צוויי טעכטער די 16־יעהריגע פייגע לאה, און די 8־יעהריגע רבקה. די אומגליקליכע מוטער געפינט זיך אויך אין אַ שטערבליכען צושטאַנד און ס'איז נישט פאַראַן קיין האָפנונג זי צו דערהאַלטען ביים לעבען. וואָס שייך דימאַנטען אַליין, האָט זיך זיין צושטאַנד פערערגערט און מ'האָט איהם געמוזט אָפפיהרען אין שפיטאָל. ס'איז מעגליך, אַז מ'וועט איהם דאַרפען אַראָפנעהמען ביידע הענד.

די טראַגעדיע האָט געמאַכט אַן אומגעהויערען רושם אין וואַרשאַ. פאַר'ן הויז, וואו דער אויפרייס איז פאָרגעקומען זאַמלען זיך טויזענדער מענשען. היינט 12 אַ זייגער ביי טאָג וועט פאָרקומען די לויה פון די 4 קינדער.

## שווערע באהן־קאטאסטראפע אין טשעכיען

פּראַג, 25 (טז) דער פּאַסאַזשיר־צוג, וואָס איז געגאַנגען היינט אינדערפריה פון אָרלאָוו צו דער פוילישער גרענעץ איז אַראָפּ פון די רעלסען. ביז איצט האָט מען פון אונטער די חורבות אַרויסגענומען 3 דערהרג'עטע און עטליכע שווער פערוואונדעטע.


מעהד און וויין של פסח

עמפפעהלט צו די ביליגסטע פרייזען און בעסטע קוואליטעט

די עלטעסטע לאדזער וויין- און מעהד-פאבריק

ש. ווישליצקי פיעטריקאווער 10

אין הויף

פאר פילאנטראפישע פעראיינען און ארויסטרעגער גרויסער ראבאט.

בכדי אויסצומיידען מיסבריכען בעמערקען מיר, אז די ביליגסטע סארטע מעהד איז געזיגעלט מיט ווייסען לאק, די בעסערע מיט רויטען און די בעסטע מיט גרינעם.



פערלוירען

דעם 24/3 ביי דער נאכט איז פערלוירען געגאנגען א פעקעל מיט [illegible]שניצט האלץ אין קאלושקי ביי דעם וואקזאל. דער ערהליכער פינדער ווערט געבעטען געגען בעלוינונג דאס אבצוגעבען ביי ברוידע, Aleja 1-go Maja 9 ווייל דאס האט פאר קיינעם קיין ווערט נישט.



מצות ווילענסקע

◆ כשר לפסח ◆

געפאקט אין 2 קילאווע שאכטלען, נעטא 2 קילא

ווי אויך מצה־מעהל געבאקען אלעס פון לוקסוסאווע מעהל.

די מצות זענען גאנצע און זעהר שעהן געבאקען בהכשר הרב הגאון ר' מנחם מענדל ראזענפעלד פון דובנא.

קויפט נישט פריהער, ביז איהר וועט נישט בעזוכען מיין געשעפט

◆ לאגיעווניצקא 1/5 ◆ מ. טאביאס

אין די פראנט-געוועלבער פון גינצבורג'ס פלאץ



יין כשר לפסח!

אויב איהר האט נאך נישט געטרונקען דעם בעוואוסטען ראזינען־וויין „פראגרעס № 7" דאן איבערצייגט אייך, אז איהר בערויבט אייך און אייער פאמיליע הנאה צו האבען פון גוטען וויין, וואס קאסט זעהר ביליג.

צוליב א רעקלאמע פערקויפען מיר

א פלאש פון 1/4 ליטער גוטען ראזינען־וויין № 7 נאר 65 גראשען

א באשינקע דעם זעלבען נומער 1.50 זל.

צו דער בעקוועמליכקייט פון ג' פובליקום בעקומט מען אויך דעם וויין „פראגרעס" № 7 ביי

ח. בלאנקעט גלובנא 69

אלע סארטען ווייען פון דער פירמע „פראגרעס" איז צו בעקומען אויף פסח, א חוץ נאר די 1/4 ליטערדיגע צו 65 גראשען.

וויין- און מעהד־פאבריק

„פראגרעס" אלטער מארק 2

טעלעפאן 82־184

בעמערקונג: ביי אונז בעקומט מען רויט־וויין פריי פון צוקער



די מאשין־מצות־פאבריק

פון דער בעקאנטער צוקערניע

נ. ווינבערג

אונטער דער השגחה פון יאנאווער רב

38 פיעטרקאווער 38, טעלעפאן 143-82

מאכט בעקאנט דער ג' קונדשאפט, אז צוליב די קאלאסאלע בעשטעלונגען, ווערט געבעטען וואס פריהער צו קומען נאך מצות כדי אויסצומיידען אלעמען צו קענען לויט'ן וואונש צופרידענשטעלען.

בעמערקונג: די מצות און מצה־מעהל זענען געפאקט און פערזעהן מיט אונזער פירמע.

אלע בעשטעלונגען ווערן אבגעשיקט אהיים.

פערקויף־שטעל: הירשבוים ריבנא 11 טעל. 151-50.



בעקאנטמאכונג.

איך מאך בעקאנט מיין ג. קונדשאפט, אז די בעוואוסטע לאנגיעהריגע היגיענישע און כשר'ע בעקעריי פון

ש. מיצענמאכער, פיעטריקאווער 166

טעל. 13־119

באקט היי־יאהר די שענסטע

מצות

פון די בעסטע סארטען מעהל אונטער דער השגחה פון לאדזער ראבינאט.

בעמערקונג: מיר בעזיצען א פיליע אויף דער וואול־טשאנסקא 169, טעל. 201-53, און אויף נאווראט 1 ביי ח. ווייסבלאט



מצות כשר לפסח

שעהנע, דינע, געבאקען אונטער דער השגחה פון היגען מו"ץ הרב חנוך העניך זילבערשטיין. פאמארסקא 53, איז צו בעקומען צו קאנקורענץ־פרייזען ווי אויך רעיעלע בעהאנדלונג ביי דער פירמע

ב. הענעכאוויטש און נ. גרינבוים

גלובנא 65

1929



מאשין־מצות

פון די פעראייניגטע

לאדזער בעקער־מייסטער

אלעי קאשטשושקי 11, טעלעפאן 08־141

פערקויפס־שטעלע: מ. יעלען, פיעטריקאווער 24.

״ ״ י. ווילנער, פאמארסקא 3.

די מצות ווערען געבאקען פון בעסטען מעהל מיט דער אויספיהרונג פון דער נייעסטער טעכניק אונטער דער שטרענגסטער השגחה פון יאנאווער רב וואפנער ווי אויך פון 2 אבער־משגיחים. בעשטענדיגער היגיענישער און פאכמענישער אויפזיכט און האבען זיך מיט זייער גוטען געשמאק און פערדויליכקייט בעריהמט געמאכט.

מצות כשר לפסח.



מצה־רייבעכץ

כשר לפסח

פערזעהען מיט א הכשר צו קאנקורענץ־פרייזען ווי אויך רעיעלע בעהאנדלונג בעקומט איהר ביי דער לאנגיעהריגער בעוואוסטער פירמע

ק. רובין און ב. העניכאוויטש

גלובנא 56, טעל. 35־157

6216



שיך

אויף יום־טוב

פאר הערן, דאמען און קינדער

עלעגאנט, ביליג און גוט

בעקומט איהר נור ביי

Bcia Lenczner

שיך־פאבריק: זשעראמסקיעגא 99

פאבריקס־לאגער: נארוטאוויטש 4

בעמערקונג: אלע אונזערע שיך זענען אויסגעארבייט פון די פיינסטע סארטען לעדער און ווערען פערקויפט צו פאבריקס־פרייזן

